# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת נצבים תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 451



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### די תכלית פון תשובה – 'עד ה' אלוקיך'

**"וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ וְשָׁמַעְתָּ בְקֹלוֹ כְּכֹל אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם אַתָּה וּבָנֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ" (ל ב)**

דער חיד"א טייטש:

דער רמב"ם (תשובה ב ב) שרייבט אז די מצוה פון תשובה איז מחייב דעם וואס טוט תשובה זיך אונטערנעמען פון יעצט און ווייטער נישט נכשל ווערן מיט די זינד וואס אויף דעם האט ער יעצט חרטה און טוט תשובה. די קבלה דארף זיין אזוי אמת'דיג עס זאל קענען עדות זאגן דער "יודע תעלומות שלא ישוב לזה החטא לעולם". אונזער פסוק איז אויף דעם מרמז: "וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ" - דיווארט 'עַד' קען מען ליינען 'עֵד'; "ושבת" אזוי ווייט זאלסטו תשובה טון אז "עֵד ה' אֱלֹקֶיךָ", השי"ת וועט עדות זאגן אז פון יעצט און ווייטער "וְשָׁמַעְתָּ בְּקֹלוֹ" און מער וועסטו נישט זינדיגן די סארט זינד.

'נחל קדומים'

### וואס מיינט ווארטן אויף משיח

**"וְשָׁב ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת שְׁבוּתְךָ וְרִחֲמֶךָ וְשָׁב וְקִבֶּצְךָ מִכָּל הָעַמִּים אֲשֶׁר הֱפִיצְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ שָׁמָּה" (ל ג)**

דער רמב"ם (מלכים יא א) שרייבט אז דער פסוק איז אונז מבשר די גאולה פון לעתיד לבוא, אזוי ווי די נביאים האבן צוגעזאגט אז דער מלך המשיח וועט זיך אנטפלעקן, צוזאמנעמען די אידן פון אלע עקן פון די וועלט און זיי אויסלייזן, און וועגן דעם "כל מי שאינו מאמין בו, או מי שאינו מחכה לביאתו, לא בשאר נביאים בלבד הוא כופר, אלא בתורה ובמשה רבינו", ווייל ווי געזאגט זענען מיר צוגעזאגט געווארן אויף די גאולה אין דער פסוק.

פון דער לשון הרמב"ם: "כל מי שאינו מאמין בו, **או מי שאינו מחכה לביאתו**", זעט מען אז די אמונה אין ביאת המשיח מיינט אויך אז מען דארף גלייבן אז ער קען קומען אין יעדע מינוט, און וועגן דעם דארף מען שטענדיג ווארטן אויף זיין אנקום. ווייל דער וואס גלייבט באמת אז משיח קען קומען אין יעדע מינוט, וועט זיכער שטענדיג האפן און ווארטן אויף זיין קומען, און דאס זאגן מיר ביים דאווענען: "כי לישועתך קוינו כל היום".

**הגרי"ז סאלאווייטשיק** פון בריסק האט ערקלערט אז דער יסוד ליגט אין די נוסח "אני מאמין" וואס מען זאגט נאכן דאווענען, ווייל אנדערשט פון די נוסח ביי די אנדערע אני מאמין'ס האט מען דא מאריך געווען און אויסגעשטעלט ווי א פראגע און ענטפער: "אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח **ואף על פי שיתמהמה, עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבוא**"; דער צווייטער טייל קומט אונז לערנען אז עס איז נישט גענוג די אמונה אין ביאת המשיח, נאר מען דארף האפן און ווארטן אויף דעם, און די פאקט אז ער פארזוימט זיך, נעמט נישט אראפ אפילו א האר פון די האפענונג.

'פניני רבנו הגרי"ז' עמ' פה

### תשובה תפילה וצדקה שוין אין חודש אלול

**"וּמָל ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת לְבָבְךָ וְאֶת לְבַב זַרְעֶךָ לְאַהֲבָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ" (ל ו)**

אין די תפילה 'ונתנה תוקף' זאגט מען: "ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה". **רבי אפרים זלמן מרגליות** פון בראד לערנט ארויס פון דעם אז אין חודש אלול דארף מען שוין עוסק זיין אין די דריי זאכן, און דורך דעם איז מען מבטל די שלעכטע גזירות אין דעם יום הדין. און האט צו דעם צוגעשטעלט א רמז פון דריי פסוקים וואס אין זיי איז מרומז חודש אלול אין די ראשי תיבות: א. אונזער פסוק: "וּמָל ה' אֶת לְבָבְךָ וְאֶת לְבַב" איז מרמז אויף דעם אז מען דארף שוין תשובה טון אין חודש אלול. ב. דער פסוק (שה"ש ו ג): "אֲנִי לְדוֹדִי וְדוֹדִי לִי" איז מרמז אז חודש אלול איז דער זמן מסוגל אויף תפילה. ג. אזוי אויך דער פסוק (אסתר ט כב): "אִישׁ לְרֵעֵהוּ וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים" איז מרמז אז מען דארף געבן צדקה פאר ארימעלייט אין חודש אלול.

'אלף למטה' על 'מטה אפרים' תקפא א

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### לשנה טובה – מיט א חברותא

ראש השנה ביינאכט פירט זיך כלל ישראל זיך צו וואונטשן איינער דעם צווייטן מיט א 'ברכת השנים'. דער גאנצער ציבור האלט זיך אויף אין שול 'לברך ולהתברך' פון ווי מער גוטע פריינד ווי ווייט מעגליך, מיט די ברכה: "לשנה טובה תכתב ותחתם לאלתר לחיים טובים". אסאך גיין אויך צו די הייזער פון זייערע קרובים אדער נאנטע פריינד וועגן דעם.

שטענדיג האב איך זיך געוואונדערט; אויב די ברכות און וואונטשן וואס מען זאגט אין די הייליגע נאכט זענען אזוי חשוב, פארוואס איז דער ציבור נישט מקפיד מען זאל ענטפערן אויף דעם אמן? אזעלעכע וואונדערליכע ברכות, וואס מען זאגט אין אזא הייליגן טאג, מיט א ערנסטקייט און פון הארצן טיפן - פארוואס זאלן מיר נישט צולייגן צו דעם א קליינע 'השתדלות', עס באפעסטיגן דורך ענטפערן אויף דעם אמן?!

קיינער האט דאך נישט צווייפל אין דעם פאקט אז די צייט, ווען עס קומט אריין דער הייליגער טאג, נאך א לאנגע הכנה פון תשובה, תפילה וצדקה, איז א ספעציעלע שעת רחמים ועת רצון. נישט אומזיסט געבט אוועק דאס גאנצע אידישע פאלק, פון די גדולי הדור ביז צו די פשוטי עם, פון זייערע טייערע צייט צו וואונטשן ברכות פאר יעדן וואס מען טרעפט אן אויפן וועג אין די צייט, פארוואס נוצט מען דאס נישט אויס עס זאל זיין בשלימות און מקפיד זיין צו ענטפערן אמן אויף די ברכות?!

נישט וויי־ניגער פון וואס מיר שרייען 'אמן' פון טיפן הארצן ווען דער חזן זינגט דעם פיוט: "היום תאמצנו; היום תברכנו" וכו', דארפן מיר ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה און ברכה וואס מיר זענען זוכה צו באקומען פון יעדן איד.

באקאנט זענען די ווערטער פון חז"ל (ירושלמי ברכות ח"ח): "אמר רבי תנחום: אם ברכך גוי - ענה אחריו אמן, דכתיב (דברים ז יד): 'ברוך תהיה מכל העמים'". על אחת כמה וכמה ווען מיר זענען זוכה צו הערן ברכות פון אידן, אוודאי דארפן מיר ענטפערן אמן.

ס'איז אמת און מען דארף דאס באטאנען, אז דער אמן איז נישט ווי א אמן אויף די ברכות וואס מיר לויבן דעם אויבערשטן, אדער אויף א קדיש, וואס זיי זענען אויסדריקליך א חוב. ענטפערן אמן אויף א ברכה אדער א וואונטש וואס מיר הערן פון אונזערע חברים איז נישט קיין חוב, אבער עס איז א זכות וואס די 'קלוגע' וועלן נישט מוותר זיין אויף דעם, און ווי דערמאנט, איבערהויפט אין די נאכט ווען מיר ווילן פארמערן זכותים - אזוי ווי ענטפערן אמן אויף א ברכה וואס מען לויבט אין דעם השי"ת איז מקיים די ברכה, אזוי אויך ענטפערן אמן אויף א וואונטש וואס מען הערט פון א חבר איז מקיים די ברכה.

מיר ווען מקפיד זיין צו ענטפערן אמן אויף די ברכות פון אונזערע פריינד אין די נאכט פון ר"ה און א גאנץ יאר, און מיר אלע וועלן געבענטש ווערן מיט א גוטע און זיסע יאר, אמן ואמן.

**מיט א וואונטש 'לשנה טובה תכתבו' אמן**
**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# מעשי אמונים

א וועבנטליבער ערציילונג אויף אמן און תפילה

## א איבערראשנדע באגעגעניש אין די לעצטע מינוט

'וואו איז משה?', ווי מער די מינוטן האבן זיך גערוקט האט זיך די וואונדער פארמערט מער און מער. משה איז געווען באקאנט אלס זייער א פונקטליכער, קיינמאל האט ער נישט פארשפעטיגט, אפילו מיט א האלבע מינוט, און יעצט איז שוין פארביי א האלבע שעה נאך די באשטימטע צייט און ער איז נאכנישט געקומען. אזא פארשפעטיגונג האט פארלאנגט א ערנסטע ערקלערונג.

עטליכע טעג פאר ראש השנה, שרגא האט געקלינגען צו משה דער שערער, אפשמועסן א צייט ווען ער זאל קומען צו אים שטוב אים אפשערן בעפאר דעם יום הדין, ווי דער מנהג ישראל איז וואס ווערט געברענגט אין שולחן ערוך. משה האט באשטימט א צייט, די באשטימטע צייט איז אנגעקומען און משה האט פארשפעטיגט צו קומען.

נאכן ווארטן א האלבע שעה האט שרגא גערופן משה'ן און זיך נאכגעפרעגט איבער די סיבה פונעם פארשפעטיגונג. ער איז אינגאנצן איבערראשט געווארן ווען משה האט זיך שטארק אנטשולדיגט און געזאגט אז עס איז אים אינגאנצן פארשוואונדן געווארן פון זיין זכרון. 'אלנפאלס, עס פאסירט...' - האט שרגא געטראכט צו זיך און געבעטן צו באשטעלן א נייעם דאטום, משה האט אים געזאגט אז ער וועט קומען צומארגנ'ס ביינאכט. שרגא האט דאס פארשריבן אין זיין טאג-בוך, אבער צומארגנ'ס



באס נומער 1 אויפן וועג צום כותל מיט בערך פופציג יאר צוריק

איז ער ווידער איבערראשט געווארן, ווען משה האט אים אנגערופן און זיך אנטשולדיגט, אז ער האט שוין געהאט געפלאנט אויף דעם אוונט א וויכטיגע זיצונג און צוליב דעם וועט ער נישט קענען קומען.

נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה, האט שרגא מיט אים אפגעמאכט, אז ער וועט קומען נאך צוויי טעג, אבער צו זיין אנטוישונג און וואונדער האט ער ווידער געווארט אומזיסט. 'עפעס איז געשעהן מיט משה'ן... דער 'שפיל' איז נישט צוגעפאסט צו אים' - האט שרגא צו זיך געטראכט, איידער ער האט מסכים געווען צו געבן פאר משה'ן נאך א 'שאנס'. עס איז איבעריג צו זאגן, אויך דאס מאל האט משה זיך נישט באוויזן, און אזוי איז פארביי זיין דעם יום הדין צום ערשטן מאל אין זיין לעבן, וואס שרגא האט זיך נישט געגרייט מיט זיך אפשערן די האר פון פריער.

אינמיטן די 'עשרת ימי תשובה', נאך עטליכע מאל פון אפשטופן וואס האבן זיך איבערגע'חזר'ט, האט שרגא נישט געהאט קיין ברירה נאר זיך צו ווענדן צום ערשטן מאל אין זיין לעבן צו איינעם פון די באקאנטע שערער'ס אין שטאט און ווארטן מיט געדולד צו זיין רייע. דער גרויסער טומל וואס האט געהערשט אויפן ארט האט אים געגעבן צו פארשטיין ווי גוט ער האט געטון ביז היינט ווען ער פלעגט רופן א שערער צו אים אין שטוב, אבער יעצט האט ער נישט געהאט קיין ברירה נאר צו ווארטן מיט געדולד אויף זיין רייע.

אין די צייט וואס ער האט געווארט אויף זיין רייע, איז דארט אנקומען א אומבאקאנטער מאן, און ווען ער האט באמערקט שרגא'ן, איז ער איבערגענומען געווארן ביז די טיפעניש פון זיין נשמה און אים געבעטן ער זאל ארויסגיין מיט אים אויף עטליכע מינוט. שרגא, וועלכער האט סיי ווי געווארט, האט מסכים געווען, כאטש ער האט נישט געהאט קיין אנונג ווער דער מענטש איז און וואס וויל ער פון אים.

ווען די צוויי זענען געשטאנען איינער אנטקעגן דעם צווייטן, אינמיטן דער גאס, האט שרגא באמערקט אז דער מענטש וואס איז געשטאנען אקעגן אים איז זייער אויפגעשטורעמט, ער האט זיך נישט געקענט פארשטעלן די סיבה דערפאר, אבער דער מענטש האט אים נישט געלאזט זיך וואונדערן א לאנגע צייט; "דו האסט נישט קיין אנונג", האט ער געזאגט, "וויפיל איך האב אין די וואך געדאווענט צו הקב"ה ער זאל דיך מאכן טרעפן מיט מיר. איך האב נישט געוואוסט דיין נאמען און דיין אדרעס און איך האב דיך נישט געקענט געפינען אין קיין אנדערער וועג, און יעצט, ווען יום כיפור איז שוין כמעט דא, האט השי"ת צוגעהערט מיין תפילה און דיך געמאכט טרעפן מיט מיר אויף א וואונדערליכן וועג.

'טאקע א וואונדערבארער גאסט', האט שרגא צוגעשטימט אין הארצן בשעת די וואונדער אין הארץ ווערט שטארקער, און דער מענטש האט ווייטער געזאגט: "געדענקסט ווי מיט א האלב יאר צוריק זענען מיר געווען צוזאמען ביים כותל המערבי? - האט ער געפרעגט, "ניין" - האט שרגא געענטפערט. אין די לעצטע האלבע יאר איז ער אסאך מאל געווען ביים כותל המערבי.

"דו געדענקסט נישט?!", האט דער מענטש פארגעזעצט און אים דערמאנט, "נאכן דאווענען זענען מיר ביידע געשטאנען ביי די באס-סטאנציע ביים ארויסגאנג פונעם כותל און געווארט אויף די באס נומער 1, וואס האט פארשפעטיגט פון צו קומען... דער באס האט פארשפעטיגט און די רייע איז געווארן זייער לאנג. דו ביסט געשטאנען פאר מיר אין די רייע, און איך וואס איך האב זיך זייער געיאגט, ווי נאר דער באס איז אנגעקומען און צענדליגער מענטשן האבן אנגעהויבן זיך שטופן, האב איך דיר געשטופט ווילדערהייט אז איך זאל קענען אנקומען פאר דיר און נישט דארפן ווארטן א לאנגע שעה.

ווי נאר איך בין ארײַן אין די באס האב איך באלד חרטה געהאט אויף וואס איך האב געטון, אבער וואס מ'האט געטון קען מען נישט צוריק דרייען. דער באס איז געפארן אויף זיין וועג און דו ביזסט געבליבן אין דער סטאנציע שאקירט און פארשעמט. דיין געשטאלט איז געבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון און פון דעמאלט ביז היינט האב איך יעדן טאג מתפלל געווען צו השי"ת מיט א צעבראכענעם הארץ אז מיר זאלן זיך נאכאמאל טרעפן, איך זאל אייך קענען איבערבעטן.

די יאר איז אריבער, און איך האב נאכנישט אויפגעהערט פון צו טראכטן פון דיר, איך האב נישט געהאט קיין אנונג ווער דו ביסט, און אויף מיר איז געבליבן נאר צו דאווענען און בעטן פון השי"ת איך זאל נאך קענען בעטן פון דיר מחילה פאר יום כיפור.

ווען ס'איז שוין פארביי רוב פון די 'עשרת ימי תשובה' און מיין תפלה איז נאך נישט אנגענומען געווארן, בין איך געווען זייער פארנומען מיט דעם, איך האב געוואוסט אז איך בין מחויב צו בעטן פון דיר מחילה פאר יום כיפור, און וועגן דעם האב איך זיך נישט מייאש געווען, נאר ווייטער געדאווענט צו השי"ת ער זאל מיך העלפן דיך קענען איבערבעטן.

דערווייל האב איך באשלאסן צו גיין צו איינעם פון די גרויסע מורי הוראה, ער זאל מיר פסק'ענען וואס איך זאל טון, כדי מיין תשובה זאל אנגענומען ווערן, אויב איך וועל דיך נישט באגעגענען. ווען איך בין אנגעקומען צו זיין וואוינונג, בין איך אנטוישט געווארן צו זען אז דער 'קבלת קהל' וועט זיך אנהייבן ערשט נאך א שעה. געווענליך בין איך געוואוינט זיך צו שערן ביי א שערער נעבן וואו איך וואוין, אבער יעצט, וויבאלד איך האב דאך געמוזט ווארטן אין דער געגנט, האב איך באשלאסן אריינצוקומען דא זיך צו שערן, און איך האב דיך באגעגנט צו מיין וואונדער..."

יעצט איז געווען שרגא'ס רייע צו ווערן גערירט. ער איז געווען דערשטוינט פון די וואונדערליכע השגחה פרטית וואס האט זיך אים אנטפלעקט פאר זיינע אויגן, ער האט פארענדיגט זיין חלק און דערציילט דעם מענטש ווי אזוי דער 'מסובב כל הסיבות' האט צוגעפירט אז דער שערער וואס איז געוואוינט אים צו שערן האט אפגעשטופט איינמאל נאכן צווייטן אנדערש ווי זיין שטייגער, ביז ער האט באשלאסן 'פארצופאל' צו גיין צו דעם שערער.

הערנדיג די ווערטער, איז דער גאסט מער גערירט געווארן, און מיט טרערן אין די אויגן האט ער געבעטן פון אים מחילה, שרגא האט פריי׳ליכערהייט געענטפערט און אים בארואיגט אז ער איז אים מוחל בלב שלם. די צוויי האבן זיך געזעגנט מיטן זיך וואונטשן א גוט יאר, באגלייט מיט דעם וואונדערלעכן געפיל, וואס נאר די וואס האבן געהאט די זכיה צו זען מיט די אייגענע אויגן וויאזוי "קרוב ה' לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת" האבן געקענט פילן.

'שיח יוסף' ח"א עמ' נח

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# די ברכה אויף הערן די קול שופר

## די מצוה און די ברכה

אויף די מצוה פון שופר האט די תורה באפוילן אין דער פסוק (במדבר כט א): "ובחודש השביעי באחד לחודש מקרא קודש יהיה לכם ...יום תרועה יהיה לכם". די ראשונים קריגן זיך צי די מצוה איז די 'שמיעה' אדער די מצוה איז די 'תקיעה'. עס זענען דא וואס האלטן אז די מצוה איז די 'שמיעה', און צוליב דעם האבן די חכמים מתקן געווען צו דערמאנען ביי די ברכה נאר די שמיעה: "אשר קדשנו במצותיו וציונו **לשמוע** קול שופר", און לויט א אנדערע שיטה: "לשמוע **ב**קול שופר" (שו"ת הרמב"ם סי' קמב; רא"ש ר"ה ד י). אבער עס זענען וואס קריגן זיך און האלטן אז די מצוה איז צו בלאזן מיט די שופר, און לויט זייער שיטה דערמאנט ביי די ברכה דאס בלאזן: "אשר קדשנו במצותיו וציונו על **תקיעת** שופר", און לויט א אנדערע שיטה: "לתקוע **ב**שופר" ('שאילתות דרב אחאי' שאילתא קעא; סמ"ג עשה מב; 'ברכי יוסף' או"ח תקפה ה).

אבער דער 'פרי חדש' האלט (שם ב) אז דער נוסח הברכה טוט נישט אויסדריקן די באדייט פון די מצוה, און לויט די וואס האלטן אז מען זאגט "על תקיעת שופר", פון דעסוועגן איז די מצוה דאס הערן און נישט דאס עצם בלאזן. נאר ווייל כדי צו הערן דעם קול שופר דארף מען בלאזן, דעריבער דערמאנט מען ביי די ברכה די תקיעה.

דער מהר"ם חביב האט א נייע שיטה אין די מצוה: לויט אים די מצוה פון שופר ענהאלט אין זיך צוויי חלקים: 'תקיעה' און 'שמיעה', ווען דער הויפט חלק - די 'שמיעה' - איז יעדער איינער אליין מחוייב צו מקיים זיין, און די חלק פון 'תקיעה' קען מען מקיים זיין אויך דורך א צווייטן, אלץ דין שליחות ('יום תרועה' ר"ה כט א).

להלכה דארף מען זאגן דעם נוסח הברכה: "אשר קדשנו במצותיו וציונו לשמוע קול שופר" (רמב"ם שופר ג י; טוש"ע או"ח תקפה ב). און פון דעסוועגן אויב ער האט געזאגט "על תקיעת שופר" אדער "לתקוע בשופר" - האט ער יוצא געווען (שו"ע הרב שם ד; 'משנה ברורה' שם ד).

## די ברכה אין די צייט פון די חכמי הגמרא

דער בעל המאור (ר"ה י ב בדה"ר) האלט אז די ברכה אויף די מצוה האט מען מתקן געווען נאך די צייט פון די גמרא. ווייל ער זאגט אז פריער פלעגט מען בלאזן נאר ביי די מיטלסטע ברכות פון מוסף, און מען האט יוצא געווען די חוב פון די ברכת המצוה מיט די דריי ברכות, און מען האט נישט געדארפט מתקן זיין א באזונדערע ברכה אויף תקיעת שופר. נאר אין די שפעטערע תקופה ווען מען האט מתקן געווען צו בלאזן 'תקיעות דמיושב' פאר מוסף, האט מתקן געווען צו זאגן אויף דעם א באזונדערע ברכה אזוי ווי אויף אנדערע מצוות.

אבער דער רמב"ן ('מלחמות ה" שם) קריגט אויף אים און האלט אז אין די צייטן פון די גמרא האבן די חכמים מתקן געווען מען זאל בלאזן 'תקיעות דמיושב' פארן דאווענען, און ממילא האבן זיי אויך מתקן צו זאגן א ברכה אויף דעם. און לייגט צו אז אויך אין די תקופה וואס מען האט געבלאזן נאר ביי די ברכות פון שמו"ע, האט מען געזאגט א ברכת המצוה פארן בלאזן, אזוי ווי די כהנים זאגן די ברכת המצוה פארן דוכ'ענען אינמיטן דאווענען.

## א הפסק צווישן די ברכה און די תקיעות

מען בלאזט שופר בעפאר מוסף ['תקיעות דמיושב'] (טוש"ע או"ח תקפה א), אזוי אויך ביי תפילת מוסף נאך יעדע ברכה פון די דריי מיטלסטע ברכות - "מלכויות", "זכרונות" און "שופרות" ['תקיעות דמעומד'] (שם תקצב א). למעשה פירט מען זיך צולייגן אויף די תקיעות און בלאזן צוזאמען מאה קולות (רמ"א תקצ"ו א; 'מגן אברהם' שם ב).

די ברכה זאגט מען בעפאר 'תקיעות דמיושב'. סיי דער תוקע און סיי די צוהערהער דארפן מקפיד זיין נישט מפסיק מיט רעדן ביזן ענדיגן די 'תקיעות דמעומד' וואס מען בלאזט ביי מוסף, ווייל די ברכה גייט ארויף אויך אויף די תקיעות (שו"ע או"ח תקצב ג; 'משנה ברורה' שם ח). עס זענען דא וואס שרייבן אז אויך נאכן ענדיגן די 'תקיעות דמעומד', זאל מען נישט מפסיק זיין מיט רעדן ביזן ענדיגן די תקיעות וואס מען פירט זיך צולייגן צו משלים זיין די מאה קולות ('חיי אדם' קמא ט; 'כף החיים' או"ח תקצב יז. וראה 'קצה המטה' על ה'מטה אפרים' שם ו).

דער תוקע זאגט די ברכה אויפן קול, און דער ציבור הערט די ברכה און ענטפערט אמן. נאכן ענדיגן די ברכה נעמט דער מברך דעם שופר און בלאזט ('מטה אפרים' תקפה ג). אבער עס זענען דא וואס האלטן אז דער מברך זאל אנהאלטן דעם שופר בשעת די ברכה ('אלף המגן' שם ז).

## נשים ביי די ברכה

פרויען זענען פטור פון די מצוה פון שופר, אזוי ווי זיי זענען פטור פון אנדערע מצוות עשה שהזמן גרמא, אבער א פרוי וואס וויל מקיים זיין די מצוה, מעג זי (שו"ע או"ח תקפט ו)

די ראשונים קריגן זיך צי א פרוי וואס איז מקיים א מצות עשה וואס איז אנגעהאנגען אין א געוויסע צייט זאגט אויף דעם א ברכה. דער רמב"ם (ציצית ג ט) האלט אז זי זאגט נישט, און אזוי איז גע'פסק'נט אין 'שלחן ערוך' (שם). אבער די בעלי התוספות (קידושין לא א ד"ה דלא) האלטן אז זי זאגט יא, און אזוי פסק'נט דער רמ"א (שם).

אין שו"ת 'מן השמים' (סי' א) שטייט אז אויך די וואס האלטן אז נשים זאגן נישט א ברכה אויף א מצות עשה שהזמן גרמא, פון דעסוועגן אויף די מצוה קענען זיי זאגן א ברכה. ווייל די חכמים זאגן (ר"ה טז א) אז דאס בלאזן שופר איז מעורר די זכות פון כלל ישראל און השי"ת געדענקט זיי לטובה, און ווייל אויך די פרויען נויטיגן זיך אין דעם, האבן זיי די מעגליכקייט צו זאגן א ברכה אויף די מצוה זו.

## די כוונה פון אמן

אמן - עס איז ריכטיג אז הקב"ה האט אונז געהייליגט מיט זיינע מצוות און אונז באפוילן הערן דעם קול שופר, און איך גלייב אין דעם.

# אוצר הברכות

**מאה ברכות אין די פרשה**

## ביז צום כסא הכבוד

"וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ וְשָׁמַעְתָּ בְקֹלוֹ כְּכֹל אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם אַתָּה וּבָנֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ" (ל ב)

**רבנו אפרים** זאגט אז די ווערטער "עד הוי"ה", זענען גימטריה מאה - דיך צו לערנען אז דער וואס זאגט יעדן טאג מאה ברכות בכוונה, גייען ארויף זיינע ברכות ביז צום כסא הכבוד. לייגט צו דער **חיד"א**: וועגן דעם האט די פסוק אנגעהויבן מיט "וְשַׁבְתָּ", דיך צו לערנען אז פארן זאגן א ברכה דארף דער מברך תשובה טון, כדי זיינע ברכות זאלן זיין ראוי ארויף גיין צום אויבערשטן.

'כסא דוד' דרוש כ' לשבת תשובה

# אמן אין לויף פון די יארגאנג

ראש השנה

## בספרן של צדיקים

דער 'חרדים' (פרק סו אות קעז) ברענגט אין נאמען פון תיקוני זוהר אז די ציפערן פון די דברים שבקדושה וואס ווערן געזאגט יעדן טאג, זענען מרומז אין דיווארט 'צדיק': צ' - תשעים אמנים, ד' - ארבע קדושות, י' - עשרה קדישים, ק' - מאה ברכות". אויך מהר"ם פאפירש ('אור הישר' עמוד העבודה ו כב) שרייבט: "א מענטש ווערט נישט אנגערופן צדי"ק, ביז ער וועט דערגרייכן צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים וק' ברכות".

לויט דעם שרייבט דער 'פלא יועץ', אז א מענטש וואס וויל פארשריבן ווערן אין ראש השנה בספרן של צדיקים גמורים, לאלתר לחיים טובים, זאל זיך מקבל זיין פון דער טאג און ווייטער מקפיד זיין אויף די ציפערן פון די דברים שבקדושה וואס זענען מרומז אין די ווארט 'צדי"ק' ('אלף המגן' דרוש לר"ה).

## אין זכות פון אמן איז מען זוכה אין יום הדין

אין איינע פון די יארן ווען הגר"י זילבערשטיין דער רב פון רמת אלחנן האט זיך בארעטן מיטן ראש הישיבה בעל 'אילת השחר' מיט וואס זאל ער מחזק זיין דעם ציבור פאר ראש השנה, האט אים דער ראש ישיבה איבערראשט מיט אן ארגינעלען געדאנק און גוט ערקלערט:

די לעצטע משנה אין מסכת מכות ברענגט די ווערטער פון רבי חנניה בן עקשיא: "רצה הקב"ה לזכות את ישראל, לפיכך הרבה להם תורה ומצוות". דער רמב"ם (פירוש המשניות, שם) טייטש אזוי אויס די משנה: "אויב א מענטש האט מקיים איין מצוה פון די תרי"ג מצוות ווי עס דארף צו זיין, און האט נישט געהאט אין דעם קיין שום ציל פון עולם הזה'דיגע זאכן, נאר עס געטון לשמה אלס אהבת ה', דעמאלט איז ער זוכה צו חיי עולם הבא. דערפאר זאגט רבי חנניה אז צוליב די סאך מצוות איז אוממעגליך אז דער מענטש זאל נישט טון איין מצוה בשלימות במשך זיין לעבן, אזוי וועט ער זוכה זיין צו השארת הנפש". פון רמב"ם קומט אויס אז זוכה צו זיין צו עולם הבא דארף מען טון א מצוה לשם שמים אן פרעמדע פניות.

"לדעתי", האט דער ראש הישיבה פארענדיגט זיינע ווערטער, "די מצוה פון ענטפערן אמן איז א מצוה וואס מען קען גרינג מקיים זיין לשם שמים, ווייל מיטן ענטפערן בכוונה קען מען נישט דערגרייכן צו קיין שום גשמיות'דיגע ציל, און צוליב איר פשטות און גרינגקייט, איז אויך נישט דא קיין חשש פון גאוה. קומט אויס אז ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, איז די ריכטיגע וועג וואס דורך דעם קען דער מענטש זוכה זיין ביים יום הדין ('כאיל תערוג' מועדים עמ' שסא).

עס איז כדאי צו באמערקן אז דער געדאנק האט דער ראש ישיבה אויך דערמאנט אין זיינע ווערטער ביי די צוזאמקום אויף חיזוק צו ענטפערן אמן וואס איז פארגעקומען דורך 'בני אמונים' י"ג אלול תש"ע, און אזוי האט ער דעמאלט געזאגט: "ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין האט א גרויסע און געוואלדיגע מעלה, עס איז אזוי פשוט און גרינג אויסצופירן, אז עס איז נישטא מיט וואס זיך שטאלצירן!"

און ער האט פארגעזעצט זיינע ווערטער: "דא האבן מיר פאר אונז נאך א מעלה אין ענטפערן אמן, אזא דערהויבענע מצוה וואס דער מענטש קען דורך דעם באקומען אלע מעלות וברכות, און גלייכצייטיג איז עס נישט פארבינדן מיט גאוה. דאס איז די גרעסטע מעלה פון אלעס - צו טון א גוטע זאך וואס איז נישט פארמישט מיט גאוה!"

# אגרות אמונים

### א בריוו פון א געטרייער לייענער

לכבוד די חשובע רעדאקציע פון די גליון 'וכל מאמינים'

שלום וברכה!

א יישר כח אויף דעם וואונדערבארן גליון פול מיט תורה אויף אמן, און שיינט מיט די ליכטיגקייט פון אמן, וואס קומט ארויס און באלייגט דעם דור יעדע וואך עקסטער.

איך האב געהערט פון א קלוגן איד, פון די מעתיקי השמועה אין שטאט בני ברק, א וואונדערבארער מאמר אויף ענטפערן אמן, און איך האב באשלאסן איך וועל עס נישט האלטן נאר ביי מיר, נאר איך וועל עס פאר אייך אפשרייבן, כדי עס זאל פארעפענטליכט ווערן אין ענקער חשוב'ן גליון:

ענטפערן אמן האט צוויי זייטן; פון איין זייט קען מען דורך דעם משפיע זיין רחמים וחסדים גדולים, און פון דער צווייטער זייט דאס גרינגשעצן אין דעם איז גורם אז אויך דער בעל הרחמים זעצט זיך אויפן כסא דין ח"ו. א רמז דערויף טרעפן מיר אין דער לשון וואס דער משורר האט פארפאסט אין דעם באקאנטן זמר "כל מקדש שביעי": "משוך חסדך ליודעך א-ל קנא..." - די סופי תיבות פון די דאזיקע ווערטער זענען גימטריה אמן, דיר צו לערנען, אז ענטפערן אמן איז מהפך די מידת הדין אויף רחמים, און 'מכלל הן אתה שומע לאו' - ווייל א-ל איז דאך א שם הרחמים, אבער דורך גרינגשעצן אין 'אמן' דרייט זיך איבער די מדה פון 'א-ל אויף 'קנא ונוקם' ר"ל.

מיט די ברכה 'יפוצו מעיינותכם חוצה'
**יוסף צבי ניילענדער**
**בני ברק**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס:
9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

### אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא


א פּאָרטרעט פון
דער 'מגן אברהם' זי"ע

## דער 'מגן אברהם' זי"ע

### ג' תשרי תמ"ג

רבי אברהם אבלי הלוי גומבינער זצ"ל איז געבוירן געווארן אין יאר שצ"ז אין שטאט גומבין וואס איז אין פולין צו זיין פאטער רבי חיים הלוי הי"ד וואס איז געווען פון די שטאטישע דיינים, און איז גע'רצח'עט געווארן דורך די קאזאקן ימ"ש. ער האט געלערנט תורה ביי דעם הויפט רב פון פולין, רבי יצחק מפוזן זצ"ל, און איז אויסגעשטיגן אין תורת הנגלה והנסתר. ווען די איינוואוינער פון די שטאט קאליש האבן זיך דערוואוסט פון זיין גרויסקייט האבן זיי אים אויפגענומען פאר א מורה צדק און א מגיד שיעור פאר די חשובע תלמידים אין זייער ישיבה.

ווייל ער האט זיך אפגעזאגט פון צונעמען אויף זיך א רבנות שטעלע, איז זיין געהאלט געווען באגרעניצט און ווייניג, דעריבער האט ער געליטן פון ארעמקייט אלע זיינע יארן. טיילמאל האט ער אפילו נישט געהאט געלט צו קויפן בלעטער צו שרייבן זיינע חידושים. די איינוואוינער וואס האבן געוואוינט אין זיין הויז נאך זיין פטירה, האבן געזאגט, אז ווען עס פלעגט זיך אפשיילן די קאלעך אין דעם הויז וואו ער האט געוואוינט, האט זיך ארויסגעוויזן אלטע שיכטן פון קאלעך און אויף זיי זענען געשריבן געווען חידושי תורה מיט זיין האנט-שריפט.

דער גרויסן חיבור 'מגן אברהם' אויף שולחן ערוך האט אנגעהויבן שרייבן זיין אין יאר תכ"ה, אין עלטער פון אכט און צוואנציג יאר. צוליב זיין עניוות האט ער נישט געוואלט אז זיין נאמען זאל דערמאנט ווערן אויף זיין חיבור, און עס גערופן 'נר ישראל', אבער זיין זון רבי חיים וועלכער האט עס ארויסגעגעבן און געוואלט פאראייביגן זיין טאטנ'ס נאמען, האט עס א נאמען געגעבן 'מגן אברהם', און דער נאמען איז פארבליבן לדורות.

דער מגן אברהם איז נסתלק געווארן אין צום גדליה, ג' תשרי ה'תמ"ג, ווען ער איז בלויז זעקס און פערציג יאר אלט, און ליגט באערדיגט אין שטאט קאליש. אין זיין צוואה האט ער באפוילן צו שרייבן אויף זיין מצבה בלויז די פאלגענדע ווערטער: "פה נטמן רבי אברהם אבלי הלוי מחבר הספרים 'נר ישראל' ו'זית רענן".

## 'אמן' אויף 'מגן אברהם'

להלכה זענען פארהאן דריי ערליי כוונות ביים ענטפערן 'אמן': אויף א ברכה וואס איר אינהאלט איז נאר 'שבח' האט מען אינזין: "די ברכה איז אמת". אויף א ברכה וואס איר אינהאלט איז 'תפילה ובקשה' האט מען אינזין: "יהי רצון אז די ווערטער פון דער מברך זאל ערפילט ווערן", און אויף א ברכה פון 'שבח' און 'בקשה' צוזאמען האט מען אינזיןביידע: "די ברכה איז אמת, און יהי רצון...". לויט דעם פסק'נט דער ב"ח (או"ח קכד) אז אויף די ברכה 'מגן אברהם' דארף מען נאר אינזין האבן 'אמת' בלבד, ווייל די גאנצע ברכה איז נאר שבח.

אבער אין 'משנה ברורה' (שם כה) שטייט געשריבן אז פון דער 'מגן אברהם' (שם י) זעט אויס אז ביי די ברכה 'מגן אברהם' דארף מען אויך אינזין האבן 'יהי רצון'. און ערקלערט: ווייל אין די ברכה ליגט באהאלטן א בקשה אויף די גאולה אין די ווערטער: "וזוכר חסדי אבות ומביא גואל לבני בניהם", האלט דער 'מגן אברהם' מען זאל אינזין האבן ביים ענטפערן 'אמן' אויף די ברכה אויך 'אמת' און אויך 'יהי רצון'.